

אידישע וועלט שאקירט:

# שטורמישע רעאקציעס צו געפלאנטן חילול בית החיים אין ווילנא

דער שענדליכער פלאן צו בויען עטליכע בנינים אין אור-אלטן אידישן שניפישאק בית עלמין, איבערהויפט דער שאקירנדער פלאן איבערצובויען און עפענען א ריזיגן קאנצערט זאל אין הארץ פון הייליגן בית החיים, וואס זאל דינען ווי דער גרעסטער פארזאמלונג און פארווייליגונג צענטער אין די הויפט שטאט פון מדינת ליטע, וואס איז א פארשוועכונג, א שרעקליכער בזיון און חילול צו די פילע טויזנטער קברים פון פארצייטישע ווילנער אידן פון פריערדיגע דורות, — וועלכע זענען דארט באהאלטן — איז אויפגענומען געווארן מיט גרויס צער און אויפברויז איבער די אידישע וועלט.

די ידיעה וועלכע איז ערשינען אין די מידיא, און איז געוועזן די טעמע פון צענטראלע ידיעה אין א ריי פראמינענטע אידישע צייטשריפטן, האט זיך צעשפרייט אין פילע אידישע צענטערס בארבע כנפות תבל. אז די רעגירונג פון ליטע שטייט אונטער דעם אומגליקליכן פלאן איבערצובויען און צו בויען א פרישן פליגל [אנעקס] צום פארלאזטן [illegible] קאנצערט האל. עקספערטן זאגן אז ס'איז אוממעגליך צו עפענען דעם אלטן קאנצערט זאל – וועלכער איז פארמאכט געווארן צוליב שוואכן צושטאנד און זיכערהייט פראבלעמען – נאר מיט מאסיווע גראבונגען צו פארפעסטיגן די געביידע, וועלכע וועלן – היל"ת – באגרירן און חלילה ארויסשליידערן די אור-אלטע קברים, וועלכע געפינען זיך גאר טיף אין דעם 500 יעריגן בית החיים געפאקט מיט עטליכע שטאקן קברים.

פלאמפייערדיגע דיבורים האבן געשריבן אין א מכתב זעקה ומחאה די גדולי ראשי הישיבות שליט"א פון ליטווישן קרייז אין אה"ק, אונטער'ן קעפל "הצילו את בית העלמין הישן בווילנא". הגאון הגדול רבי שמואל אויערבאך שליט"א ראש ישיבת מעלות התורה, האט צוגעשריבן מיט זיין האנט-שריפט די פאלגנדע פארכטיגע דיבורים פון וועלכע מ'זעט זיין שרעק און ציטער צוליב דעם בייזוויליגן חילול הקודש. ער שרייבט ווי פאלגענד: הכותב וחותם ברעדה בפחד ומורא על חילול הקודש הקב"ה ירחם עלינו ועכי"א – שמואל באאמו"ר גאון ישראל מוה"ר שלמה זלמן זלל"ה אויערבאך. הגאון הגדול רבי מאיר הלוי סאלאווייטשיק שליט"א בריסקער ראש ישיבה, שרייבט צו: בכאב וברעדה הנני מצטרף להאמור למעלה – מאיר באאמו"ר הגאון החסיד רשכבה"ג מרן יצחק זאב הלוי זצוקללה"ה סאלאווייטשיק. הגאון הגדול רבי ישראל יצחק קאלמאנאוויץ שליט"א, ראש הכולל, שרייבט: הנני להצטרף להנ"ל למען הצלת בית החיים של מצוקי ארץ דווילנא – ישראל יצחק קאלמאנאוויץ. און הגאון הגדול רבי צבי ראטבערג, ראש ישיבת בית מאיר, פון די גדולי ראשי הישיבות, וועלכער האט באזוכט ווילנא פאר ניין יאר צוריק, ווען עס איז געבויעט געווארן דער בנין אויפ'ן ביה"ח און ער האט בייגעוואוינט ווי עצמות קדושות זענען ארויסגעשליידערט געווארן כדומן על פני האדמה, דורך די ארבייטער. ער שרייבט: הנני להצטרף לזעקה דלמעלה על חילול קברי קדושי ישראל ואבות אבותי זללה"ה. – צבי רוטברג בלאאמו"ר הגאון ר' זלמן זלה"ה ונכד להגאון הגדול רבי מאיר קרליץ זללה"ה.

אין דעם בריוו גיסן די ראשי ישיבות שליט"א אויס זייער טיפן ווייטאג אויף דעם פאקט אז מ'וואגט זיך צו באשטימען א טאנץ און הוללות פלאץ אויף א ביה"ק, א זאך וואס איז נישט געהערט געווארן אפילו ביי גוי'אישע סעמעטעריס "נבלה נוראה וזדונית זו שיפתחו בית נשף וקונצרטים על בית קברות – אפי' של גויים – לא נשמעה כמותה בשום אומה ולשון בעולם כולו".

זיי פאדערן אויף דעם ציבור צו טון און ראטעוועו, מיט פלאמעדיגע רייד: ובוודאי לא עת לחשות, פן ח"ו מצאנו עוון לראות כבלע את הקודש, מקום מנוחת רבותינו, קברות גאונים וצדיקים וחסידים קדושי עליון ומצוקי ארץ גאוני וילנא – ירושלים דליטא – לדורותיהם, אשר מימיהם אנו שותים ומכוחם אנו שואבים מקור חיותינו עלי חלד בתורה ועבודה, ובזכותם אנו קיימים. און דער בריוו רעכנט אויס צענדליגער גאונים מפורסמים וואס זענען דארט באהאלטן, צווישן זיי די גאונים דער "בית הלל", רבי מאניש חיות, די ווילנער רבנים אב"ד רבי יהושע העשיל, רבי שמואל, דער לעצטער אב"ד, די קייט פון די משפחה פון גר"א, רבי משה רבקש, דער באר הגולה. רבי שלמה זלמן – ר' זלמל'ה וואלאזשינער, דער גאון יעקב, דער חיי אדם, און נאך און נאך.

די גדולים רופן דעם ציבור: אחנב"י אל תעמדו מנגד ביום שבות זרים חילו, און זיי פירן אויס: נעמוד כצור חלמיש, מיר וועלן שטיין פעלזן-פעסט צו היטן אז די בתי עלמין זאלן נישט צוגערויבט ווערן פון כלל ישראל. און זיי שרייבן מיר וועלן באשיצן דעם אלטן ביה"ח אין ווילנא, וואס האט אן אייביגע קדושה. אויספירנדיג מיט א רוף: וכל מי שיש בידו ובכוחו להפעיל ולפעול למען הסרת חרפה גדולה זו, יהיה ממזכי הרבים ושכרו גדול למאד.

עסקנים אין א"י און אין חו"ל זענען מטכס עצה וויאזוי ממשיך צו זיין די קאמפראמיסלאזע מערכה, מיט דער האפענונג צו השי"ת אז לא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי.

# רוסישע באאמטע קאנפיסקירן אידישע ספרי קודש

רוסישע באאמטע פון דער שטאט יעקאטערינבורג אין רוסלאנד האבן פאריגע וואך קאנפיסקירט אידישע ספרים פון א אידישע שולע, צווישן זיי עטליכע ספרי קודש פון תנ"ך, זאגנדיג אז זיי דארפן איבערקוקן די ספרים צו זען צי ס'איז נישט פארהאן דארטן "עקסטרעמיזם."

אן אנגעשטעלטער אין די שולע האט איבערגעגעבן אז מען האט זיי געזאגט אז דער אפיס פונעם אטוירני וועט שיקן די קאנפיסקירטע ספרי קודש צו "קולטור און לינגוויסטיק

די שולע איז געווארן שטארק שאקירט פון די קאנפיסקירונג, זאגנדיג אז קיין איינע פון די ספרים זענען נישט אריינגערעכנט אין די ליסטע פון פארבאטענע ביכער דורך די רעגירונג.

די רעזולטאטן פון דער אויס-פארשונג זענען נאכנישט ארויס-געקומען. די שולע האט שוין געהאט מערערע אויספארשונגען אין דער פארגאנגענהייט, בנוגע די עדיוקעישאן סטאנדארטן פון די שולע, ווי אויך זענען שוין געוועזן מערערע

# אסעמבלי פרזי ביטשאט אנטשולדיגט זיך פאר